דאָס איז איין קוואַדראַנס, (די קלענסטע רוימישע
43 מטבע.) און ער האָט צוגערופן זיינע תלמידים,
און צו זיי געזאָגט: באמת זאָג איך אייך: די
דאָזיקע אָרומע אַלמנה האָט מער אַריינגעוואָרפן
ווי אַלע, וואָס האָבן אַריינגעוואָרפן אין דעם אוצר־
44 קאַסטן אַריין; ווארום אַלע האָבן אַריינגעוואָרפן
פון זייער שפע; זי אָבער האָט פון איר נויט אַריינ־
געוואָרפן אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט—איר גאַנצע
חיונה׃

## קאַפּיטל דרייצן

1 און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פונם בית המקדש,
זאָגט איינער פון זיינע תלמידים צו אים: רבי,
זע, וואָס פאַר אַ שטיינער און וואָסערע בנינים!
2 און ישוע האָט צו אים געזאָגט: דו זעסט די דאָזיקע
געוואַלדיקע בנינים? עס וועט נישט איבערגעלאָזט
ווערן קיין שטיין אויף אַ שטיין, וואָס וועט נישט
צעבראָכן ווערן!
3 און בעת ער איז געזעסן אויפן הר הזיתים, אַנטקעגנ־
איבער דעם בית המקדש, האָבן פּעטרוס און יעקב
און יוחנן און אַנדריי אים געפרעגט, ווען זיי זענען
4 געווען אַליין: זאָג אונז, ווען וועט דאָס זיין? און
וואָס איז דאָס צייכן, ווען דאָס אַלץ דאַרף דערפילט
5 ווערן? און ישוע האָט אָנגעהויבן זאָגן צו זיי: גיט
6 אַכטונג, אַז קיינער זאָל אייך נישט פאַרפירן. אַ
סך וועלן קומען אין מיין נאָמען, און זאָגן: איך בין
7 עס, און וועלן אַ סך פאַרפירן. און ווען איר וועט
הערן וועגן מלחמות און שמועות פון מלחמות, זאָלט
איר זיך נישט דערשרעקן; דאָס מוז געשעען; נאָר
8 עס איז נאָך נישט דער סוף. ווארום אַ פאָלק וועט
אויפשטיין קעגן אַ פאָלק, און מלוכה קעגן מלוכה;